STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01743

DER RETSENZENT

Nechemias Zucker

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



שער־בלאט פון ל ו ד וו י ג ז א ו ע ר.

דרוק קראסילאווסקי און פערצאָווסקי
וואל. גאמעז 2719 — ב. איירעס

נ. צוקער

דער רעצענזענט

קיבעץ אין איין אַקט

ארויסגעגעבן פון דראמאטישן קרייז ביים גאַליציאַנער פאַרבאַנד.
בוענאָס איירעס 1926.

פ א ר ש ו י נ ע ן :

ד ע ר ר ע צ ע נ ז ע נ ט (32 יאָר אַלט).

ג ע נ י ו ס (פֿון 30 ביז 40 יאָר).

א ו י ט אָ ר (30 יאָר).

מ ח ב ר (21 יאָר).

אַ ק ט ר י ס ע (אומבאַשטימט).

אָ ר ט : — דאָ אָדער דאָרט...

צ יי ט : — געגנוואַרט.

אויפֿגעפֿירט צום ערשטן מאָל אין „טעאַטער נאָוואָשצי" אין קראָקע 1921.

(א קאוואליר־שטוב. אין דער טיף, לינקס, א פענסטער, רעכטס, א וואש־קאסטן. צווישן פענסטער און וואש־קאסטן, הענגען אויף דער וואנט פארשידענע בילדער און קאריקאטורן. פארנט: רעכטס, א שרייב־טיש, אויף וועלכן עס ליגן א חוץ ביכער און שרייב־געצייג, אויך א מאניקיר־גארניטור. לינקס, א סאפע. אין דער מיט בינע — א טיש, אויף וועלכן עס ליגן אין אומארדנונג אנגעווארפענע פאפירן, ביכער און זשורנאלן).

ע ר ש ט ע ס צ ע נ ע :

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (זיצט ביים טיש, דעם קאפ איינגעגראבן אינם אנגעווארפענעם בארג פאפירן, אזוי, אז מען זעהט נישט מער ווי זיינע פיס אונטער דעם טיש. עס הערט זיך א לייכט קלאפן אין טיר. וואס אמאל שטארקער ביז — עס קומט אריין ד ע ר ג ע־נ י ו ס).

ג ע נ י ו ס : — (א לאנגער, דארער פארשוין, מיט העפליכע, נאר קאמישע זשעסטן, טראגט א שווערן פאק מאנוסקריפטן אויפן אקסל, בלייבט שטיין ביי דער טיר, קוקט זיך ארום און דערזע־הענדיג דעם רעצענזענט'ס פיס, גייט ער צו נענטער, לייגט דעם פאק מאנוסקריפטן אויפן טיש, מאכט פארבויגונגען, זעהענדיג אבער,אז דער רעצענזענט רירט זיך נישט, גיט ער א פאמעלאכן הוסט, פעסטער, שטארקער, ביז —)

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (שלעפט ארויס דעם צושויבערטן קאפ פון די פאפירן, באטראכט דעם געניוס מיט א דורכנעמענדיגן בליק און ווייזט אים באפעלעריש אויף א שטול נעבן טיש).

ג ע נ י ו ס : — גוטן אוונט. (מאכט טיפע פארבויגונגען). מיין נא־מען איז יוסף פיפעלע. (זעצט זיך).

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (באטראכט דעם מאנוסקריפט) : א ראמאן ?

ג ע נ י ו ס : — (פארבויגט זיך). ניין, נישט קיין ראמאן. איך שרייב נישט קיין ראמאנען. ראמאנען זענען נאך מ יי ן מיי־נונג שונד !

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — איך האט דאך ניט אנגעשריבן א נייעם שטראף־קאדעקס ! אייער מאנוסקריפט באשטייט דאך אפשר פון טויזנט בלאט !...

ג ע נ י ו ס : — דאס הייסט... קיין שטראף־קאדעקס איז עס נישט, נאר... נאר...

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — פון קריטישן שטאַנדפּונקט איז יעדער „נאַר“ איבעריג. איר קאָנט באַלד זאָגן וואָס איר האָט צו זאָגן און איר פאַרשפּאָרט דעם נאַר... — איז עס אַ זאַמלונג לידער ?

ג ע נ י ו ס : — (גַעפּאַסט) אייגנטלאַך קאָן איך עס אַזוי נישט אָנרופן. כאָטש עס געפינען זיך דאָ לידער אויך; (מיט זשעסט) דאָס איז... מיין אויטאָ־ביאָגראַפיע !

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — וואָס קאָן מיך אינטערעסירן אייער אויטאָ־ביאָגראַפיע ? האָט איר שוין אַ סך געשאַפן פאַרן טעאַטער ? איך מוז אייך זאָגן, אַז אייער נאָמען איז מיר אינגאַנצן פרעמד...

ג ע נ י ו ס : — דאָס הייסט... פאַר טעאַטער האָב איך דערווייל נאָך גאָרנישט געשאַפן; נאָר... נאָר...

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (בייז) ווידער דער נאַר ! ווען איר ווילט מיר נישט פאַרלעצן מיינע קריטישע געפילן, פאַרגעסט אַ ביסל דעם נאַר. ערקלערט מיר בעסער מיט וואָס איך קאָן אייך דינען.

ג ע נ י ו ס : — (גַעפּאַסט) טאַ הערט מיך אויס : (שטייט אויף, מיט זשעסט) איך פיל אין מיר געוואַלטיגע טאַלענטן ! ציייטנווייז שיינט זיך מיר, אַז די גאַנצע וועלט ליגט ביי מיר אין האַנט און מיט איין באַוועגונג, קאָן איך זי שליידערן אין אַפּגרונט !... איך בין... אַ געניוס ! און איך בין זיכער, אַז איך קאָן אויפטון געוואַלטיגעס ! נאַר...

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (בייז) פּאַקטן ! ווייזט מיר פּאַקטן !...

ג ע נ י ו ס : — (ווייזט מיט שטאָלץ אויפן מאַנוסקריפּט :) אָט האָט איר פּאַקטן !

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — פון קריטישן שטאַנדפּונקט איז אַ פּאַקט, אַז דאָס איז אַ פּאַק באַשריבן פּאַפּיר; ווילאַנג איר האָט נישט אייערס אַ זאַך אויפגעפירט אויף דער בינע, האָב איך מיט אייך נישט וואָס צו ריידן.

ג ע נ י ו ס : — איר באַליידיגט מיין טאַלענט ! מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט אַן אינטעליגענטער קריטיקער און איך האָב באַשלאָסן לטובת דער גאַנצער מענשהייט מיך צו אייך צו ווענדן ; לאָזט איר מיך איצט אפילו נישט אויסרעדן ?...

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (ווישט דעם שווייס פון שטערן). טאַ זאָגט וואָס איר האָט צו זאָגן, ווייל די צייט איז ביי מיר טייער !

ג ע נ י ו ס : — ווי געזאָגט, בין איך אַ געניוס און באַזיץ אַ געוואַלטיגן שאַפונגס־גייסט. איז אָבער דאָס טרויעריגע, וואָס קיינער קאָן מיך נישט און ווען איך וועל שוין אפילו אָפּשרייבן עט־

לעבע שרעקלעכע דראמען און טראגעדיעס, וועט זיי קיינער נישט וועלן לעזן... האב איך צוליב דעם באשלאסן מיך צו אייך צו ווענדן מיט מיין אויטא־ביאגראפיע, איר זאלט זי פארעפענט־ליכן אין אייער זשורנאל. (מיט זשעסט) מאכט, אז איך זאל פאפולער ווערן, און איר שענקט דער מענשהייט א נייע נשמה! מאכט מיין נאמען באקאנט אין דער וועלט און איך וועל דאן ווייזן וואס איך קאן!...

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — (שטייט אויף, באטראכט דעם געניוס פון קאפ ביז פים) איר זייט משוגע!

ג ע נ י ו ס: — זעהט איר, ווען איך זאל נישט זיין א געניוס, וואלט איך זיך באליידיגט. אין מיין כאראקטער פארנעמט אבער די ק ו ל ט ו ר דעם ערשטן פלאץ און איך באליידיג זיך נישט... איינס פרעג איך אייך אבער: וואס מיינט איר דערמיט צו זאגן?

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — (דענערווירט). איך מיין פשוט אז איר זייט משוגע! (שפאנט נערוועז ארום).

ג ע נ י ו ס: — (מאכט פארבויגונגען) נו, זעהט איר, איר מיינט בלויז. אויף אייך קאן איך דאס זעלבע מיינען... — נאר גע־נוג מיט די וויצן, ווייל מיר האבן איצט א הייליגע ארבייט פאר דער גאנצער מענשהייט!...

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — (אין כעס) איך גלויב, אז איר ווילט נישט איך זאל מיט אייך די טיר צוברעכן?!

ג ע נ י ו ס: — חלילה! איך היים אייך דען? (נעמט א בלאט פון מאנוסקריפט) הערט אייך בעסער צו, וועל איך אייך פארלייענען דאס ערשטע קאפיטעל פון מיין לעבנס־באשרייבונג און איר וועט ערשט זעהן מיט וועמען איר רעדט... (דער ר ע צ ע נ־ ז ע נ ט שפאנט נערוועז הין און צוריק, געניוס נאך אים, מיט פארבויגונגען) אלזא, זאל איך לעזן?...

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — (בלייבט שטיין, פעסט) ארויס!

ג ע נ י ו ס: — איר קלערט דאך נישט מיך ארויסצוווארפן? איך גלויב, אז עס דארף פאר אייך זיין א כבוד מיך פאר אייער גאסט צו באטראכטן; מיט מיר וועט באלד די וועלט קלינגען! הערט מיך נאר צו, דאס ערשטע קאפיטל...

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — (פאקט אים ביים קאלנער) ארויס! ארויס! (ווארפט אים ארויס, נעמט פון טיש דעם שווערן מאנוסקריפט און ווארפט אים נאך) ארויס פון מיין שטוב מיט דיין זשעניאלן ווערק!...(עס הערט זיך פון דרויסן דעם א ו י ט א ר׳ ס קול)

אויטאר: — (פון דרויסן) גאָט איז מיט אייך!...

צווייטע סצענע:

אויטאָר: — (קומט אריין באהאנגען מיט די בלעטער פון ארויסגע־ווארפענעם מאנוסקריפּט, באַפרייט זיך פון זיי) אַ שיינעם ברוך־הבא האָט איר מיר געגעבן!

רעצענזענט: — (העלפט אים זיך ברענגען אין אָרדנונג) פּאַרדאָן. ס'האָט מיך דאָ איינער אזוי גענומען אויף דער נשמה, אז איך האָב שיער די אַפּאָפּלעקסיע באקומען. — זעצט אייך. (זעצן זיך) וואָס פאר אַ גליקלאכער צופאל האָט אייך געברענגט צו מיר?

אויטאָר: — צופאל? איך האָב דאָך אייך געשריבן, אז איך קום צו אייך!

רעצענזענט: — אַ, ריכטיג. ר'האָט מיך אזוי צושרויפט, אז — (רייבט זיך דעם שטערן) — נו, אַלזאָ, איר זייט אייך זיכער געקומען אָפּרעכענען מיט מיר פאר דער קריטיק וואָס איך האָב אייך גע־געבן...

אויטאָר: — דאָס באַווייזט, אז איר פילט זיי נישט גערעכט איר האָט קייגן מיר געהאַנדלט. איך בעט אייך, פריינט רעצענזענט, נאָר אויפריכטיג: וואָס זייט איר אויסן געווען דערמיט, צו שרייבן אזוי שלעכט איבער דעם זעלבן ווערק, וועלכעס איר האָט פּאַר דער אויפירונג אזוי באוואונדערט? וואו האָט זיך צו אייך גע־נומען אזאַ אומקאָנסעקוועניץ?

רעצענזענט: — לעסינג האָט געענטפערט זיינעם אַ פריינט די ווערטער: — די זאַך שיינט גוט צו זיין, נאָר פריהער וויל איך עס נישט קריטיקירן, ביז איך וועל עס זעהן אויפגעפירט אויף דער בינע..."

אויטאָר: — נו, גוט. איר זייט דאָך אָבער גאָרנישט געווען אין טע־אַטער! ווי אזוי האָט איר געשריבן קריטיק איבער אַ זאַך, וועלכע איר זייט אפילו ביי איר אויפירונג נישט געוועזן?...

רעצענזענט: — לויט מיינע קריטישע אנשויאונגען, דאַרף מען גאָרנישט זיין ביי דער אויפירונג. פאר מיר איז גענוג, ווען איך פרעג ביים פּאַרטיער ווי דאָס שטיק האָט אויסגעזעהן אויף דער בינע און ווי דער עולם האָט עס אויפגענומען...

אויטאָר: — (אויפגערעגט) זייט איר אַ קריטיקער? ווי אזוי וואַגט איר צו זיין דער ריכטער איבער אַ דראַמע, ווען איר אורטיילט

לויט די ווערטער פון אַן אומוויסנדן פּאַרטיער?

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — זעהט איר, איר דענערווירט אייך און באַליידיגט מיך גאַנץ אומזיסט... ווי קאָנט איר איבערהויפּט גלויבן, אַז איך האָב געאורטיילט לויט די ווערטער פון פּאַרטיער?

א ו י ט אָ ר: — איר האָט דאָך אַליין אַזוי געזאָגט!

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — איר האָט אַ טעות, ווען איך זאָל געוועזן אורטיילן לויט די ווערטער פון פּאַרטיער, וואָלט גראַד מיין רעצענזיע איבער אייער דראַמע גאַנץ גוט אויסגעפאַלן; נאָר ווי איר אַליין זאָגט: דער פּאַרטיער איז דאָך אַן אומוויסענדער קערל, האָב איך לויט מיינע קריטישע אַנשויאונגען פאַרשטאַנען, אַז וויבאַלד ער האָט מיר געזאָגט, אַז אייער פּיעסע איז זער גוט אויסגעפאַלן און דאָס פּובליקום האָט אייך פון באַגייסטערונג אַזש זעקס מאָל ארויסגערופן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס שטיק מוז גאַרנישט ווערט זיין...

א ו י ט אָ ר: — און דאָס הייסט ביי אייך ערלאַך געהאַנדלט?

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — איך האַנדל לויט מיינע קריטישע אַנשויאונגען. איבעריגענס, האָט איר צו מיך גאָרנישט מער ווי צו קריטיקירן מיין קריטיק?

א ו י ט אָ ר: — (שטייט אויף, שאַרף) ניין. צו אייך האָב איך מער גאָרנישט!... (שנעל אָפּ.)

ד ר י ט ע ס צ ע נ ע:

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — (קוקט אויפן זייגערל, כאַפּט איילנדיג אַ האַנטוך און הענגט עס אַרום האַלז, נעמט דעם ראַזיר - אַפּאַראַט פון וואַשקאַסטן און שטעלט אים אויפן טיש, עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר, שטעלט ער שנעל צוריק דעם אַפּאַראַט אויף זיין פריערדיגן פּלאַץ, הענגט אויף ס'האַנטוך) אַריין!

מ ח ב ר: — (אַ באַשיידענער יונגערמאַנטשיק בלייבט שטיין ביי דער טיר נישט דרייסט) גוטן - טאָג.

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — זעצט אייך. מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

מ ח ב ר: — איך האָב אָנגעשריבן אַ זאַך און קלער זי צו לאָזן דרוקן... גלויב איך, אַז עס וואָלט גוט געווען ווען איר דערמאָנט עפּעס דערפון אין אייער אויסגאַבע...

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — (קוקט אויפן זייגערל, נערוועז) וואָס איז עס? איר מוזט וויסן, אַז ביי אַ קריטיקער איז די טייערסטע זאַך די

צייט: האט איר עם מיט זיך ? וואס איז עס ?

מ ח ב ר : — (שלעפט פון בוזעם א צונויפגעוויקלטן מאנוסקריפט) אט דאס איז מיין קליין ווערקל . . .

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — לאמיר הערן, נאר שנעל.

מ ח ב ר : — (שטייט אויף, מאכט זיך באקוועמער דעם קאלנער, גיט א הוסט, און זעצט זיך צוריק) קודם וועל איך אייך זאגן א פאר ווער־טער איבער דעם ווערק, איידער איך לעז עס. דאס איז א ליבעס־פאעמע פון דער ניי־צייט, און מיין גאנצן טעמפעראמענט האב איך דערין אריינגעגעבן. וואלט נאר די אידישע שפראך אביסל רייכער געווען אין ווערטער, וואלט די פאעמע א מייסטער־ווערק געווען ! . . .

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — אהן הקדמות. ווי זאגן די קריטיקער? זאל דאס ו ו ע ר ק דעם מייסטער לויבן ! . . .״

מ ח ב ר : — (שטייט אויף, גיט א געשמאקן הוסט, צעוויקלט דעם מא־נוסקריפט, דעקלאמירט)

ה י נ ט ע ר ד י ה ר י ־ ה ש ך

ליבעס פאעמען פון דער ניי ־ צייט.

דארט ווייט אויף א בארג איז זי זיך געזעסן
אונטער א פאנטאן וואס האט ווי מיט ווייראיך געשפריצט
און געשפינט א שאטקע, איינזאם, פארגעסן,
נישטא וואו צו שלאפן, נישטא וואס צו עסן,
האט זי פון הונגער אירע שניי ־ ווייסעציין געקריצט.
א שטראל פון דער זון האט פילאנטעטיפאל
אראפגענידערט פון דער הימל ־ הויכקייט,
א שטראל
וואס האט אירע האר מיט פורפור ־ רויט באפארבט
און זי האט אירע אויגן ־ לידער שטארק פארנארבט,
זי האט דעמאלט ווי א מלאך אויסגעקוקט.
און ווען איך האב זי דעמאלט אזוי דערבליקט,
האב איך מיך פארליבעט אין איר א געוואלט
און איך האב איר טויזנט לופט ־ קושן געשיקט,
נאר קאלט האט זי זיי עמפפאנגען, אך, ווי קאלט ! . . .

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (געניצט)

מ ח ב ר : — אט אזוי איז זי געזעסן חשיבות׳דיג
און איך ׳נטען בין געשטאנען עניוות׳דיג,
אויסגעשטרעקט צו איר מיינע בעטענדע הענט :

— אַ, בת־מלכה! שפּין פאַר מיר אַ געצעלט אויס,
ווייל מיין ליבע איז שׂרפה׳דיג און זי ברענט!
לאָז מיין הייסן קאָפּ רוהן אין דיין כּשוף־שויס,
ווייל כ׳בענג צו דיר, כ׳גיי נאָך דיין שמייכל אויס!...

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — (שלאָפט איין.)

מ ח ב ר: — (וואָס ווייטער, מיט מער באַגייסטערונג.)

נאָר ווען דער הימל איז פאַרשמעלט געוואָרן
פון טריבע טראַכטמענדיגע וואָלקענדלאַך,
איז אין מיר אויפגעוואַכט אַ הייסער צאָרן
און מיט הידראָנאַלאַפישע שנעלקייט
בין איך פליאיש צו איר אהינגעפלויגן (שפּרינגט האַסטיג צו צום רעצענזענט)
און שוין געשטאַנען פאַר אירע קאַרש־אויגן...
ווילסטו, בת־מלכה, דער דונער און דער בליץ
זאָל צעשמעטערן דיך? — איך נעם דיך מיט געוואַלט!
(פּאַקט דעם רעצענזענט אונטערן אָרעם)
גיב אהער דיין אָרעם, און איך פיר דיך אין וואַלד!...
(שלעפּט אים צו דער טיר.)

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — (קומט צו זיך, רייסט זיך ארויס) אָבער אין גאָטס ווילן! עפּעס איז דאָך דאָס אַ שרעקלעכע פּאָעמע!...

מ ח ב ר: — (באַגייסטערט) נו? וואָס זאָגט איר? האָט איר געזעהן וויפיל באַוועגלעכער טעמפּעראַמענט עס געפינט זיך אין דער פּאָ־עמע?

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — (האַלט זיך ביי די זייטן) נישט געזעהן, געפילט האָב איך... (זעצט זיך צוריק. מ ח ב ר הוסט זיך אויס צע־וויקלט נאָכאַמאָל דעם סקריפּט)

מ ח ב ר: — נו, איצט פּאַסט אויף, ווייל ס׳קומט דאָס שענסטע, דאָס שרעקלעכסטע...

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — (כאַפּט ביי אים ארויס דעם מאַנוסקריפּט) ניין־ניין, איך וועל שוין אליין לעזן, ווייל ס׳קאָן נאָך זיין צו שרעק־לאַך!

מ ח ב ר: — וועט איר קאָנען מיין שריפט לעזן?

ר ע צ ע נ ז ע נ ט: — וועלן מיר זעהן... (קוקט אדורך די פּאָעמע דער מחבר באַטראַכט יעדע מינע זיינע און ביי יעדע ענדערונג אויפן רעצענזענטס פּנים, הויבט עס אים פון אָרט.) וואָס האָט איר דאָ אָנגעשמירט?

מ ח ב ר : — (דערשראָקן) וואָס הייסט ?

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (שטייט אויף, נערוועז) דאָס הייסט, אַז איר קאָנט גיכער זיין אַ שוסטער, ווי אַ פּאָעט !

מ ח ב ר : — ווי זאָל איך דאָס פאַרשטיין ? איר ווילט דאָך נישט מיין טאַלאַנט פאַרלייקענען ! . . .

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : אָבער מענשענ־קינד, וואָס האָט איר דאָ אָנגע־שריבן ? וואָס באַטייט דאָס וואָרט פּ י ל אַ נ ט ע ט י פ אַ ל ? דערנאָך פ אַ ר נ אַ ר ב ט , ׳נ ט ע ן , ט ר אַ כ אַ מ ע נ־ ד י ג ע , וואָס פאַראַ ווערטער זענען דאָס ? . . .

מ ח ב ר : — זעהט איר, אַז איר פאַרשטייט נישט די נייע ריכטונגען אין פּאָעזיע; אַז איר ווייסט נישט, דאָס דער חוב פון יעדן אידישן שרייבער איז, דאָס ערשטע די שפּראַך צו באַרייכערן . . .

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — אָבער דולט מיר נישט קיין קאָפּ מיט די נייע ריכטונגען; עס איז דאָך נאָר אַ שאָד, וואָס איר פאַרבּרענגט די צייט מיט שרייבן זאַכן, וועלכע קיינער וועט נישט פאַרשטיין !..

מ ח ב ר : — האָב איך, הייסט עס, פון אייך גאָרנישט צו דערוואַרטן ?

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — קיין גוטס געווים נישט.

מ ח ב ר : — (אָפּהענטיג) מיין שוועסטער האָט מיר געזאָגט . . . אַז איר וועט מיר זיכער אַ טובה טון . . .

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (באַטראַכט אים) אייער שוועסטער ? ווער איז דען אייער שוועסטער ?

מ ח ב ר : — מינדל . . . מינע, וויל איך זאָגן. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט שוין מיט אייך גערעדט דעריבּער . . .

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (אויפגעלעבט) פאַרוואָס האָט איר עס מיר באַלד נישט געזאָגט? זעצט אייך. איר רויכערט ? (זעצן זיך, פאַרויכערן ציגאַרעטן) איצט לאָמיר רעדן ווי ס׳דאַרף זיין. (קוקט אויפן זייגערל) אַ, ס׳איז שוין שפּעט; איך דערוואַרט נאָך היינט באַזוך . . .
— איך וועל שוין די זאַך איבּערעדן מיט אייער שוועסטער . . .

מ ח ב ר : — זאָל איך אייך איבערלאָזן דעם מאַנוסקריפּט ?

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — צו וואָס ? איך האָב שוין געזעהן, אַז די פּאָעמע איז אויסגעצייכנט, די פּאָעזי — פּראַכטיג ! איך וויל אייך נאָר בעטן, איר זאָלט מיר געבן צו פאַרשטיין דאָס ביסל פרעמד־ווערטער . . .

מ ח ב ר — (צעוויקלט דעם סקריפּט) זעהט איר: די אידישע שפּראַך איז אַזוי אָרים, אַז אַ סך קאָן מען זיך אין איר נישט אויסדריקן. אַט, למשל: — „אַ שטראַל פון דער זון האָט פּילאַנטעטיפּאַל אַראָפּגע־

נידערט״. פ י ל א נ ט ע ט י פ א ל... פילאנטעטיפאל איז א ווארט וואס קלינגט שיין אנשטאט די דייטשמערישע ווערטער: גראציעז, אדער פילאנטראפיש... פילאנטעטיפאל... אויך צום ריטמוס פאסט עס צו, און עס וועט זיין א שיין אידיש ווארט... דאן: „זי האט אירע אויגן - לידער שטארק פארנארבט...״ — וואס איז א נארבע? — א העפט וואס בלייבט נאך א פארנייטער וואונד. נו, ווען די זון פארבלענדט די אויגן, מאכט מען זיי צו און זיי זעהען אוים ווי נארבן; ביי מיר איז עס אנגעטאקט: קורץ גע־פאסט, שטארק פארנארבט!...

ד ע צ ע נ ז ע נ ט : — (פאר זיך) שטארק פארנארט...

מ ח ב ר : — איצט, „טראכאמענדיגע וואלקנדלאד...״ נו? שלעכט אויסגעדריקט? האט איר שוין געזעהן אויגן מיט טראכאם? איז אז איך וויל מאלן די וואלקן אין די טריבסטע פארבן, — און ביי פאעזי קאן מען זיך מיט א ס ך ווערטער נישט באנוצן — שרייב איך „ט ר א כ א מ ע נ ד י ג ע ו ו א ל ק נ ד ל א ד״, און יעדער פארשטייט פון איין ווארט א סך... און דאס אלץ זע־נען שיינע קלינגענדיגע ווערטער פאר דער ארימער אידישער שפראך...

ד ע צ ע נ ז ע נ ט : — (קוקט אויפן זייגערל, שטייט אויף) שוין גוט, דער אידישער לעזער וועט זיך האפנטלאך אויסקענען אויף א ז א ארבייט. דערוויל פארנעמט מיין הארציגסטן דאנק. איר האט בא־רייכערט די אידישע פאעזי מיט א סך נייע פערל, און איך פאר־זיכער אייך, מיין קריטיק וועט אייער ארבייט שוין באלוינען!...

מ ח ב ר : — איך דאנק... איך דאנק... — און ווען וועט איר עפעס דערמאנען דערפון?

ד ע צ ע נ ז ע נ ט : — הם... יא. זאגט אייער שוועסטער, אז איך ווארט אויף איר מארגן דריי אזייגער נאכמיטאג; און וועגן דעם נאטיץ, זייט אומבאזארגט. אין עטלעכע טעג ארום וועט איר זי לעזן.

מ ח ב ר : — (גיט אים די האנט) א דאנק. האט מיר א גוטן...

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (דריקט אים ווארם די האנט און באגלייט אים ביז צו דער טיר) א גוטן, א גוטן... וועט איר געדענקן צו זאגן אייער שוועסטער? מארגן מ׳דרייע... אלזא נאר מוט און וויי־טער שרייבן, און דער ערפאלג וועט שוין קומען!...

מ ח ב ר : — (אפ).

פ י ר ט ע ס צ ע נ ע :

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (זעצט זיך צום טיש, צופרידן, קוקט אויפן זייגערל, כאפט שנעל דאס האנטוך און בינט עס ארום האלז, נעמט דעם ראזיר־אפאראט, ווי פריער, און מאכנדיג די פיאנע פונס זייף זינגט ער ווי פאר זיך)

האב איך א פאר אקסן, אקסן,
וואס זיי בראקן לאקשן, לאקשן,
אוי וואונדער איבער וואונדער,
ווי די אקסן בראקן לאקשן !
דאס איז מיר א וואונדער !...

(זייפט זיך אן ס'פנים, ברומט שטיל א לידל, עס דערהערט זיך א קלאפ אין טיר און ווי פארגעסנדיג זיך, רופט ער אויס) אריין !

פ י נ פ ט ע ס צ ע נ ע :

א ק ט ר י ס ע : — (באווייזט זיך אין טיר) פארדאן ! (אפ) כ'וועל דא צוווארטן.

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (וועלכער האט זיך, אן איבעראשטער פון באזוך, פארשטעלט ס'פנים מיטן האנטוך, וואשט זיך שנעל ארום, קעמט גלייך די האר, א גלאנץ דורך די פינגער־נעגעל מיטן מאניקור, שטעלט צוריק דעם ראזיר־אפאראט, מאכט אויף זיך צורעכט דעם אנצוג און לויפט אפ) פארדאן ! (קומט צוריק, אריינפירנדיג די אקטריסע)

א ק ט ר י ס ע : — (קוקט זיך ארום אין אלע זייטן, האלט זיך דרייסט, רעדט שנעל) אזוי האט איר מיך אפגעווארט? און איך האב געקלערט, אז דער רעצענזענט וועט אויף מיר מיט דער גרעסטער אומגעדולד ווארטן און מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס וועט ער מיר אקעגן־לויפן און מיך אנטשולדיגונג בעטן פאר דער שלעכטער רעצענזיע וואס ער האט מיר פאר א יאר געגעבן... א, וואס פאר א שלעכטע מענשן איר זייט, איר רעצענזענטן !...

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (פארלעגן) נו־נו, זעצט אייך...

א ק ט ר י ס ע : — (גייט דרייסט ארום, בארירט אלעס) א, א מאניקור ! אויסגעצייכנט ! היינט נישט געקומען, די שעלמע... (פיילט זיך די נעגל) נו? איר ווילט אייך נישט אנטשולדיגן ? כא־כא ! איר זייט אפשר אויף מיר בייז ? (לעגט אריבער איר קאפ איבער זיין אקסל, קאקעט) איר וועט מיר היינט אויך געבן א שלעכטע קריטיק ? א, איר שלעכטער מענש !...

רעצענזענט: — (געפאסט) אז איר וועט גוט שפּילן, אז איר וועט זיין אויסגעהאלטן אין דעם כאראקטער אלס יאפּאנישע פּרינצעסן, וועט איר קריגן א גוטע רעצענזיע...

אקטריסע: — שיין! אז כ'וועל גוט שפּילן! און דאס וואס איז? (נעמט ארויס פון האנט־טאש עטלעכע צייטונגס ־ אויסשניטן) און דאס? זעהט איר: דאס איז פון ווין, דאס פון בודאפּעסט, לעמ־בערג, ווארשע, לאנדן, קאאירא, הייטא, יאמייקא, פּארטאריקא, לאפּלאטא, מעקסיקא, קאליפארניען, נו? שלעכטע רעצענזיעס? העט! כ'זאל נאר גוט שפּילן! פּי־פּי, וואס האט עס אייך פּארא־יארן אזוי שטארק נישט געפעלן?

רעצענזענט: — (טראציג) ס'איז מיר נישט געפעלן און גענוג. די דיקציע איז געוועזפאלש, דער כאראקטער, נישט אויפן פּלאץ און קיין פּיצל גראציע!

אקטריסע: — (מאכט גראציעזע באוועגונגען) אזוי! נישט גרא־ציעז! קיין פּיצל גראציע! כא־כא! — א, ווי מיד מען ווערט ביי אייך!... (ווארפט זיך אויפן סאפע) ווי נישט אינטערעסאנט איר זייט!...

רעצענזענט: — (גייט צו נאנט, גערייצט) צו וואס זייט איר איי־גנטלאך אהערגעקומען? ווען בלויז כדי מיך צו איראניזירן, אזוי האב איך קיין צייט נישט פאר אייך!...

אקטריסע: — (שטייט האסטיג אויף) אזוי, איר האט צו מיר קיין צייט נישט... דער ערשטער מאן זייט איר, וואס זאגט מיר דאס! איז נישט. דארף מען נישט!... (כאפּט די האנט־טאש פון טיש, וויל גיין) איך קוש אייער האנט!...

רעצענזענט: — (האלט זי אפּ, אומבאהאלפן) אבער... איך האב אייך נישט געוואלט באליידיגן... פארקערט... עס איז מיר זער אנגענעם... (וויל זי צופירן צו א שטול.)

אקטריסע: — (באפרייט זיך פון אים) איר האט מיך באליידיגט, איך גיי...

רעצענזענט: — אבער... איר האט מיך גערייצט... אנטשול־דיגט...

אקטריסע: — (שטרעקט אויס א האנט) טא גיט א קוש!

רעצענזענט: — (נעמט פּאמעלאך איר האנט צום מויל, פרעסט זי־פעסט צו, קושט לאנג.)

אקטריסע: — נו!... זייט ווען האט איר מיך אזוי ליב באקומען? איר שלעכטער מענש!

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — ווי וואונדערבאר איר זעהט אויס... ווי פראכ־
טיג !...
א ק ט ר י ס ע : — (קאקעט) פי־פי־פי, פראכטיג... ביינאכט וועט איך
מיך ערשט זעהן אין א שיינעם טראכט... דאס איז שוין אז אלט
קלייד... נאך אין ווין געלאזט מאכן... — כא־כא ! וואס
שטייט איר עפעס אזוי טרויעריג? מיין ארימער, ארימער רעצענ־
זענט !... (גלעט אים די האר) טוט אייך אפשר דער קאפ ווי ?
מיין ארימער, ארימער רעצענזענט...
ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (שטייט אומבאהאלפן, ענדלאך באפרייט ער זיך
פון איר, שטעלט זיך גלייך, פעסט) רייצט מיך נישט !
א ק ט ר י ס ע : (דערנענטערט זיך צו אים, ער ציט זיך צוריק) זעהט נאר,ווי
ער האט מורא! כא־כא, ער אנטלויפט פאר מיר! (שלעפט אים
צו זיך) פארוואס אנטלויפט איר פון מיר ? איר האט מורא ?
(גלעט אים) האט נישט קיין מורא... איך וועל אייך גארנישט
טון... א יא, איר וועט מיר שרייבן א גוטע רעצענזיע ? איר
זייט דאך א גוטער !...
ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (טוליעט זיך צו איר) יא, א גוטע... די בעסטע
וואס איך האב ווען געשריבן... איר זייט די שענסטע אקטריסע,
וואס איך האב ווען געזעהן ! און אין שפילן, האט קיינע צו אייך
קיין גלייכן נישט... די בעסטע רעצענזיע !...
א ק ט ר י ס ע : — וועל איך דא קאנען לענגער שפילן ? זאל איך מיך
דא לאזן אנגאזשירן ?
ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — איך וועל מאכן די שטאט זאל וועגן אייך קליג־
גען! איר וועט דא קאנען שפילן א יאר, צעהן יאהר, אייביג!...
א ק ט ר י ס ע : — (באפרייט זיך פון אים) כא־כא־כא ! איך האב
גארנישט געוואוסט, אז א רעצענזענט קאן זיין אזוי סענטימענ־
טאל !...
ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — נו, לויפט נישט פון מיר... (וויל זי צוציהען צו
זיך)
א ק ט ר י ס ע : — מען טאר נישט... איך אייל זיך איצט. איך האב
זיך נאך א סך צוצוגרייטן צו דער היינטיגער פארשטעלונג...
(נעמט די האנט - טאש)
ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (לויפט צו, כאפט איר ארויס די טאש) איר וועט
נאך נישט גיין !
א ק ט ר י ס ע : — אבער... איך מוז ! עס איז שוין שפעט...
ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (ליידנשאפטלאך) איר וועט נאך נישט גיין !...

(ציט זי צו זיך, עס געלינגט איר אבער זיך ארויסצודרייען, וויל גיין.)

רעצענזענט: — (געענדערט) און וואס וועט זיין מיט דער רעצענזיע?

אקטריסע: — וואס זאל זיין? איר וועט שרייבן א גוטע רעצענזיע און איך וועל דא קאנען שפילן א גאנצן סעזאן.

רעצענזענט: — (קאלט) ווען איר ווילט האבן א גוטע רעצענזיע, מוזט איר בעסער שפילן ווי פאראיארן...

אקטריסע: — (גייט צו נאנט צו אים) אזוי! בעסער ווי פאראיאר! וואס האב איך עס פאראיאר אזוי שלעכט געשפילט?

רעצענזענט: — איך האב אייך געזאגט. די דיקציע פאלש, אהן כאראקטער, און קיין פיצל גראציע. די סצענע, ווען די יאפאנישע פרינצעסן גייט צו צום פענסטער פון כינעזישן פרינץ און ער קושט זי, האט איר אינגאנצן אפגעהארגעט. אהן גראציע זייט איר צום פענסטער צוגעגאנגען און די באוועגונג ביים קושן, האט זיך נישט גוט פרעזענטירט...

אקטריסע: — פאלש! די סצענע, האב איך גראד אמבעסטן דורכגעפירט! איר וועט זיך איבערצייגן ביינאכט.

רעצענזענט: — ווען איר וועט עס ביינאכט שלעכט שפילן, וועט שוין זיין צושפעט. איר מוזט ארויפגיין אויף דער בינע מיט א געזיכערטן ערפאלג...

אקטריסע: — (קאקעט) ווילט איר אפשר, איך זאל אייך איצט מאכן א רעפעטיציע?

רעצענזענט: — וויבאלד איר ווילט זיין זיכער מיט א גוטע רעצענזיע... — אט, זעהט איר... (דרייט זי ארום) די סצענע ביים פענסטער... פרוווט נאר צוגיין צום פענסטער... (עס געשיט, ער פארבעסערט איר די באוועגונגען) זעהט איר... אזוי, אזוי... אויסגעצייכנט! שטייט דא. (לויפט אפ, קומט צו פון דרויסן צום פענסטער)

זעקסטע סצענע:

רעצענזענט: — (פון דער דרויסנדיגער זייט ביים פענסטער) נו, איצט זאגט די ווערטער... אזוי, עפנט פאמעלאך דאס מויל... אזוי... נו...

אקטריסע: — א, מיין פרינץ פון כינע - לאנד!

האַסט מיין האַרץ און האַסט מיין האַנט . . .

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — נו, נו, אויסגעצייכנט ! עפנט ס'מויל, די ליפּע־לאַך . . . נו, נו, פיין, פיין, נו קושט . . . (זי קושט אים) ע, זעהט איר, אפילו הייסער, מיט מער טעמפּעראַמענט . . . נו, נו . . . (קושן זיך לאַנג, רעצענזענט לויפט אַפּ פון פענסטער, קומט אריין.)

ז י ב ע ט ע ס צ ע נ ע :

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — אויסגעצייכנט ! צום באוואונדערן ! . . .

אַ ק ט ר י ס ע : — (מיט אַ שעלמישן שמייכל) נו, וועט מיר מיין גנעדי־גער כינעזישער פּרינץ געבן אַ שלעכטע רעצענזיע ?

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — עהע, פון פאַראַיאַרן ביז היינט, האָט איר אין קושן געמאַכט געוואַלטיגע פאַרשריט, געוואַלטיגע ! . . .

אַ ק ט ר י ס ע : — נו, קאָן איך שוין גיין ?

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — באַלד. נאָך די איינע סצענע. (פירט זי צו צו דער סאָפע) די סצענע, ווען דער פּרינץ מיט דער פּרינצעסן זעצן זיך אַוועק אויפן טעפּיך . . . (זעצט זי אַוועק) אַזוי ! . . . איך געדענק נישט די ווערטער וואָס דער פּרינץ האָט צו זאָגן . . . זאָגט, זאָגט, נאָר גוטע באַטאָנונג . . .

אַ ק ט ר י ס ע : — גיב מיר דיין אָרעם, דו קעניג־זאָהן,
און שטייג אַרויף אויף דיין ליבעס־טראָן !
(שלעפּט אים צו זיך)

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — איצט נעמט אַרום דעם כינעזישן פּרינץ, אָט אַזוי . . . אָט אַזוי . . .

אַ ק ט ר י ס ע : — (פּרעסט אים צו זיך)
לעהן דיין קאָפּ אויף מיין היים ליבענד האַרץ,
פאַרגעס די איבערזוכט און דיין שמערץ,
ווייל קיינעם ליב איך נישט אויסער דיך ! . . .

ר ע צ ע נ ז ע נ ט : — (ליידנשאַפטלאַך) אַה, ווי ס'פּלאַקערט די ליבע, קוש מיך !
קוש מיך, אָ, געליבטע פּרינצעסן,
כ'וועל עס דיר ביי דער קריטיק אסור נישט פאַרגעסן ! . . .

אַ ק ט ר י ס ע : — (פּרעסט אים צו זיך, אַזוי, אַז איר קאָפּ קומט אויס איבער זיין אַקסל, שטעלט אים אַרויס די צונג.)

פ אַ ר ה אַ נ ג .

אין דער אידישער בוכהאנדלונג

— פון —

ג. קאפלאנסקי

CORRIENTES 2614 **Buenos Aires.**

U. T. 2883 Mitre.

געפינט זיך שטענדיג א גרויסער אויסוואל פון אידיש, העברעאישע און רוסישע ליטעראטור, רוסיש־שפאנישע ווערטער־און־לער־ביכער, אויך ענגליש אידישע און ענגליש־רוסישע ווערטער - און־לער־ביכער.

ביי ג. קאפלאנסקי געפינט איר אלעמאל די נייעסטע אייראפעאישע און נ. אמעריקאנער לער־ביכער, קינדער־ליטעראטור, בילדער פון אידישע קינסטלער, ווי אויך מוזיק און פאלקס־לידער.

א שפאניש־אידיש לער־בוך

(נייעסטע מעטאָדע)

ב י ל י ג ע פ ר י י ז ע ן !

די זעלבע בוכהאנדלונג פארקויפט איינצעל־נומערן און נעמט אן אבאנענטן אויף די וויכטיגסטע נארד־אמעריקאנער און אייראפעאישע אויסגאבן אין אידיש ווי: — „אידישע גאזעטן“, „פארווערטס“, „קונדס“, „צוקונפט“, „פרייהייט“, „ליט. בלעטער“, „פאריזער בלעטער“ און אנד.

פאר אינסטיטוציעס א ספעציעלער ראבאט!

El Crítico

Comedia en un acto

por **N. ZUKER**

Editorial: "Circulo de Afisionados en
Unión Israelita de Galizia

Buenos Aires
1926